# פרשת פנחס

## **בס"ד. משיחת י"ב תמוז ה'תשמ"ה.**

**--המשך משבוע העבר --**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער בעל הגאולה אליין מסביר, אז "לא אותי לבד גאל הקב"ה" אין דער **זעלבער** גאולה איז "אלא אותי בלבד" נאר **יעדערער** וואס "בשם ישראל יכונה" – איז ארויסגענומען געווארן אין עדער **זעלצעך** גאולה!

וואס דאס איז געווארן א פעולה **נמשכת**, ווי מ'האט דאס געזען **בפשטות**, א די גאולה פון י"ג תמוז, האט מען דעמולט ניט געוואוסט זיכער וואס עס וועט זיין דער המשך;

איצטער ווייס מען דאך, און מ'האט דאך **געזען** און **אויסגעפרואווט** און **אויסגענוצט** דעם **המשך** וואס דערפון איז געווארן.

אז פריער האט מען אים געלאזט ארויס-פארן פון דער גאנצער מדינה, וואס דאס איז דאך געווען א נס גלוי **לטובה**,

ארויספארן מיט אלע **בני-בית**, און מיט אלע **כתבים** און מיט אלע **ספרים**, און מיט אלע **חפצים**,

און מ'האט געשיקט א **שליח מיוחד** פון דער **מלכות** כדי דאס זאל דורכגיין **שנעלער**, און מ'האט אים אנגעזאגט, ער זאל קיין זאך ניט **בוחן** זיין, און זאל חתמ'נען אלע רשיונות אז מ'זאל קענען גלייך ארויספארן אן קיינע מניעות ועכובים,

איז דאך דאס א סיפור גלוי לעיני כל,

וואס אזוי איז דאך דא אזוינע טענה'ן, אז ס'איז געווען "עשרה נסים נעשו לאבותינו" – איז דאס געווען בזמן שבית המקדש הי' קיים, אזוי שטייט אין **משנה**, אבער איצטער "אותותינו לא ראינו ואין אתנו יודע עד מה" –

איז מזמן לזמן, איז "חשף הוי' את זרוע קדשו", און ער באווייזט א **נס גלוי**, און ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא איז דאס ע"י **צדיקים**, וואס דורך זיי באווייזט דער אויבערשטער די נסים,

וואס דאס איז געווען **בדורינו ממש** – אנגעהויבן זיך אין י"ג תמוז, און דערנאך איז געווען דער המשך לאחרי זה כמדובר די אלע פרטי הסיפור, ווי שוין אויך געדרוקט און מפורסם –

אז מ'זעט בפועל, אז א איד איז **מחליט**, און מיט א **תוקף**, אז ער רעכנט זיך ניט מיט קיין זאך וואס דאס איז אנטקעגן אידישקייט,

און ניט נאר ער רעכנט זיך ניט מצד **עקשנות** וכיו"ב; דערפאר וואס אזוי איז די **מציאות**, אז יעדער ענין וואס אין אנטקעגן אידשקייט, איז דאס דערפאר אז ס'האט אויף אים **קיין שליטה ניט**, ווארום ער איז פארבונדן מיטן **אויבערשטן** אליין,

און טאמער האט ער עפעס א שוועריקייט – קומט דאס פון דעם **אויבערשטן**, נאר וואס דען? דער אויבערשטער נוצט אמאל א שוועריקייט אלס א **נסיון**, כדי דאס זאל ווערן בא דעם אידן א "נסיון" מלשון "ארים נס על ההרים" כדי דעם אידן **אויפהויבן**,

אז ניט נאר ער דינט דעם אויבערשטן בשמחה ובטוב לבב ווען ער האט **ניט** קיין שוועריקייטן, נאר אפילו ווען ער האט **יא** שוועריקייטן, און מ'שטעלט זיך **אנטקעגן** אים,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת פנחס

ובפרט נאך א איד וואס איז געבוירן געווארן אין אן אופן פון "נשבה בין העכו"ם", טענה'ט ער: ער ווייס ניט וועגן וואס עס רעדט זיך –

זאגט מען אים, אז דאס איז בשעת דו ביסט **באשאפן** געווארן און ביסט **נולד** געווארן, יצא לאויר העולם, אפילו ווען אין דעם אויר אין וועלכן ער איז **נולד** געווארן איז דאס געווען אן אויר "בין **העכו"ם**" –

איז א רגע **לפנ"ז**, ווען ער איז נאך געווען "במעי אמו" – איז "מלמדין אותו **כל התורה כולה**". און **נאכמערער** – "**נר דלוק על ראשו**": ס'איז א זאך וואס דאס איז א **טונקעלע**, און מ'דארף דאס **זוכן**, נאר עס ברענגט א ליכטיקע ליכט על ראשו פון אט דעם א וואס מאיזו סיבה שתהי' האט דער אויבערשטער געוואלט, אז דערנאך, ווען יצא לאויר העולם, זאל דאס זיין אזא אויך וואס דאס איז "בין **העכו"ם**" –

איז א דאך דערפון פארשטאנדיק, אז ס'איז ניט ווי ס'איז דא אזוינע וואס טענה'ן, אז היתכן אז מ'מאנט פון אים, ער זאל פירן זיך ניט ווי אמיתית הדברים **זיינע**, ובלשון המדינה: מ'מאנט פון אים ער זאל זיין א "**היפאקריט**"; ווי אזוי קען ער זיך פירן אלס אידישקייט – ווען ער האט ביז איצטער ניט געוואוסט וואס דאס איז, און סהאט צו אים קיין שייכות ניט, ער האט זיך געאדעוועט אין אן ארט און אין א סביבה וואס מ'האט אים גארניט דערציילט דערפון!

זאגט מען אים: **פארקערט**! דאס איז ניט די זאך אז דו דארפסט אנטפלעקן א **נייע** זאך – דו דארפסט זיך אומקערן צו דיין **אמיתית** המציאות און צו דיין **שורש**, ס'איז מערניט וואס "**יצרו** אנסו", אדער די **סביבה** אנסו וכיו"ב.

במילא, צום אלעם ערשטן קער זיך אום, ווי דגים **בים**, וואס דאס איז זייער חיות, און **דיין** חיות איז – לימוד "כל התורה כולה", און אין אן אופן פון "נר דלוק על ראשו",

און אט דאס איז אויך די הוראה האמורה וואס עס לערנט אונז אט דער טאג,

אז בשעת מ'קומט צוגיין צו א אידן, אדער א איד רעדט מיט זיך **אליין**, און דארף ביי זיך פועל זיין א **הידור**, וואס אים ווייזט זיך אויס אז עס האט צו אים קיין שייכות ניט, אדער ער האלט נאך ניט דערביי, און "מחזי כיוהרא" וכיו"ב בלשון ההלכה,

ביז אט די וואס "נשבו" ר"ל "בין העכו"ם –

זאגט מען זיי גלייך, אז "כל התורה כולה" האסט **דו** געלערנט נאך איידער ביסט ארויס לאויר העולם,

און דאס איז ניט א זאך וואס דו דארפסט זיך **צופאסן** צו א צוויטן און לערנען א **נייע** זאך – דו דארפסט זיך מערניט **אומקערן** צו דיין **שורש ומקור**, צו דיין **אמיתית המציאות**.

און אויב דו וועסט דאס אפלייגן ביז וואנענט עס וועט זיין דער "נשמע", אז דו וועסט **לערנען** און **פארשטיין** וכו' – דערוויילע קען דורכגיין א משך זמן, וואס כל רגע פון זמן אין אן "אבידה אינה חוזרת" – זמן קען מען ניט אומקערן צוריק,

א מ'וועט ביי אים אליין פרעגן: ווי טראכסטו, ווי איז געווען דיין עלטער-זיידע? – וועט ער אנטפערן, אז זיין עלטער-זיידע האט זיכער געטראגן א לאנגע בארד, און זיין אלטער-**באבע** האט זיכער געטראגן א גרויסן שייטל, אדער געווען צוגעדעקט (כיסוי הראש) מיט א מטפחת כשרה.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת פנחס

וואס דאס איז – מיט וועלכן **וועמען** אידן מ׳וועט נאר רעדן, וועלכן אידן און וועלכן מעמד ומצב ער געפינט זיך נאר איצטער – איז ביי אים א **דבר ברור** בנוגע צו זיין עלטער-זיידע, און **צענדליקער** דורות **לפנ״ז**, כאמור לעיל, אז ס׳איז געווען מיט גרויסע **בערד**, און מיט גרויסע **שייטלען** אדער מיט גרויסע **טיכלען**!

נאר דערנאך איז געקומען דער חושך הגלות, אדער ווי ער רופט דאס אן,

במילא, אפילו אז עס וועט נעמען צייט ביז וואנענט ער וועט דאס פארשטיין בשכלו – איז דאס מערניט וואס דאס וועט געווערן נאך א שטיקל צייט ביז וואנענט ער וועט דאס **פארשטיין**, אבער א זיכערערע זאך אז דאס **איז** די זאך מיט וועלכע זיינע זיידעס און באבעס האבן געלעבט, און זיך מוסר-נפש געווען, ולפנ״ז צענדליקער דורות.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.